STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02975

MENTSHN

Kalman Heisler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַלמען הייזלער

יאָסל קאָטלער

ארויסגעגעבן
דורך דער
גרופּע „אייגענע“
ניו יאָרק, 1927

פינסקי־מזל פרעס, אינק.
84 באוערי, ניו יארק.

איך וויל זיך ניט שפילן אין באַשיידנהייט. איך ווייס אָבער פּאָרט נישט פאַרוואָס קלמן הייזלער האָט דאַווקע געטראָפן צו מיר און ניט צו די אַנדערע געשוואָרענע סמיכע־געבער וואָס ווייסן אויסגעצייכנט ווי אַזוי מען דאַרף זאַלבן אַ יונגן דיכטער און קענען אויף אויסווייניק דעם נוסאַך פון אַזאַ מין פאָררעדע.

הייזלער האָט מיר געבראַכט אַן אויסגעזעצט בוך לידער פאַרטיק צום ארויסגעבן און געבעטן דורכבלעטערן. איך האָב געבלעטערט און אויף מיר האָט אַ בלאָז געטאָן מיט דעם שימעל פון אַ געבעקס וואָס האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אַפילע אַלטגעבאַקן צו ווערן. אַלע שאַבלאָנען פון די לעצטע זיבן יאָר אידישע פּאָעזיע האָבן מיר געמאכט פאָרוואורף און געשריען: אָט צו וואָס דו האָסט אונז געהאָלפן דערברענגען.

צווישן די בלעטער האָב איך אָבער געפונען עטליכע מענטשלאכע שורעס וועגן אַ מענטשן און איך האָב הייזלערן געזאָגט אַז אין די שורעס איז פאַראַן אַ לעבעדיקער אטעם. ער איז אַוועק און עטלאכע טעג שפּעטער צוריקגעקומען מיט זיין עלטערזיידן. עס איז געווען א וואונדערבאַרער צוריקרוף, איך האָב זיך גלייך דערמאָנט אַן זאַכן וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געדענקט און קיינמאָל ניט געזען. זאָג איך שוין צו הייזלערן: וואַרפט אַוועק אייער בוך מיט דער זינגעוודיקער איוורי וועגן אייער אונמעכטיקייט און זאָל אייער עלטער זיידע אייך ווייזן דעם וועג צו מענטשן.

הייזלער האָט מיר יעדע עטלאכע טעג געבראַכט א נייעם מענטש וואָס ער האָט צוריקגערופען מיט אַזוי פיל קינסטלערישער אַמביציע און מיט אַזאַ פאַרשטענדניש פאר שפּראַך אַז איך האָב מיט איינגעהאלטענעם אָטעם געטראַכט פון אַ נייעם גאַליציאַנער שלום עליכם.

הייזלער האָט מיך געפאָלגט און אַ נאָמען געגעבן זיין בוך „מענטשן“. הייזלער האָט מיך געפאָלגט אין אַלץ — אַזוי געפאָלגט, אַז זעלטן ווען איין פּאָעט פאָלגט אַזוי דעם אַנדערן. ערשט ווען ער האָט מיך אָפּגעפאָלגט און אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט ער צו מיר אַזוי געזאָגט: „איר האָט

דאָס בוך גווירעס געווען, מוזט איר מיר העלפן טראָגן אַביסל די פאַראַנט־וואָרטלאכקייט און איר מוזט עס ערקלערן פאַר קינד און קייט".

טראָג איך די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט און בין גרייט אָפּצוגעבן רעכנונג אפילע פאַר אַזאַ מאָנערקע ווי די ליבע צודרינגלאַכע פראַגע־שטעלערן — די צוקונפט. וועגן קריטיקער, כאַוויירים — פּאָעטן און לעזער שמועסט מען ניט.

איך וואָלט זיך ניט געוואָלט אריינלאָזן אין קריטיק. איך קאָן זיך אָבער קוים אָפּהאַלטען פון דעם פאַרגניגן. איך האָב שוין דערמאָנט שלום עליכם'ען, האָט הייזלער אָבער ניט (דערווייל ניט) זיין ליכטיקן הומאָר. איך האָב אָבער דערמאָנט ווייל אין דעם בוך ליגט ערגעץ פאָרט פאַרוועבט אַ ייכעס־פעדעמל פון יענעם גרויסן און עפשער גרעסטן אידישן קינסטלער.

עס ווילט זיך אויך דערמאָנען די „ספּון ריווער אנטאלאדזשי" פון מאַסטערסן מיט זיינע העלדן וואָס „שלאָפן, שלאָפן אויף דעם בערגל". פאַרמאָגט אָבער הייזלער נישט זיין צימצעם פון אויסדרוק, מען מוז אָבער פאָרט אַ טראַכט טאָן פון מאַסטערסן ווען מען באַקענט זיך מיט הייזלערס מענטשן. מער וועל איך נישט זאָגן קיין וואָרט. איך וויל ניט פאַרכאַפּן דעם וועג און וויל ניט באַאיינפלוסן. דאָס בוך פאַרדינט מען זאָל זיך דאַרויף אָפּשטעלן און דאָס בוך וועט זיכער באַמערקט ווערן.

גאַנץ זיכער קאָן מען אָבער פאָרט ניט זיין. אָט האָט זיך ערשט ניט לאַנג צוריק אַ דייעזאָגער אין דער ליטעראַטור באַרימט, אַז אין אַמעריקא גאָט צו דאַנקען פירן נאָך אַלץ דעם טיש די עלטערע שריפטשטעלער און מיט די איגגערע לערנט מען דערעך ערעץ. ווער ווייסט, עפשער וועט אָט דער אַלטער סאַרווער הייזלערן אינגאַנצן פאַרטיילן און אים אפילו ניט לאָזן צוקומען צום טיש וואו עס זיצן די אַלע וואָס זענען צו שוואַך זיך אליין אויפצוהויבן.

זאָגט אָבער הייזלער אז אים אַרט דאָס ניט, ער מיינט אז מיין כסימע איז גענוג ארויסצוהויבן דאָס בוך זיינס פון דער גרויסער קופּע ביכער און איך בין מיט אים אייגשטימיק.

יעקב גלאַטשטיין

דער עלטער זיידע קאַלמען.

ס'האָט דער עלטער זיידע קאַלמען געלעבט בעשאלווע און בעשאָלעם,
געשעפּט נאָכעם פונם „פּראָצענט" — פון קינדער און קינדסקינדער,
פלעגט ער אויפשטיין אין ווינטערדיקע, טונקעלע פרימאָרגנס.
אָפּגעגאָסן די הענט, ארויסגעטראָגן דאָס נעגל־וואַסער,
האָט ער כצאָס מיט געזאַנג אָפּגעריכט.
צוריק אין וואַרעמען בעט אונטערן איבערבעט זיך ארייגעזעצט.
באַ א רויכערדיקן קארניז
דעם פּאָדעם אָפּגעריסן, צוגעשניטן מיט די ציין,
פלעגט דאָס נאָדל אריינציען זיין אָביסל שווערלאָך —
אָבער א מאַלביש איז געווען אין וועג צום פּארטיק ווערן.
דאָס געמיט איז געוואָרן זינגענדיק,
האָט ער זיך צעזינגען:

זינג ליפּעלע, זינג.
פלי נאָדעלע, פלינק...

צי פּעדעמל, צי.
ברי הארצעלע, ברי.
קלער קעפּעלע, קלער.
ארבעט הענטעלאך שווער...

ברען פּרעסעלע, ברען.
און פרעג נישט: ביז ווען?

2

אז ס'איז ווייסער טאָג געוואָרן
האָט דער זיידע די שטיוול אָפּגערייניקט, צוגעגלעט די באָרד.
מיטן טאַלים זאַק אונטערן אָרם אין בייסאַמעדריש אוועק.

א פּאָר קאַפּיטלאַך „טילים“ אריינגעקנאַקט,
אַ קאַדעש אריינגעכאַפּט —
נאָך איינעם וואָס האָט קיין יאָרשים נישט געלאָזן.
דערוויַיל אַ יאָרצייטל —
טיילט מען דאָרט בראָנפן ניינציק־טראַלערדיקן,
ווערט אפן הארצן גוט שוין וואַרעם,
גיט ער זיך אזוי אַ זאָג:
„אַט וואָס פעלט אַף די אַלטע יאָרן ?
קיין מיצוועס קאַרגט דאָך נישט זיין ליבער נאָמען.
אַבי געזונט און אַרבעט זאָל נישט פעלן!“

3

איינמאָל האָט אן אויסגעפּוצטן דייטשל,
ווי א נישט־גוטן אין שטעטל אָנגעטראָגן.
האָט ער זינגער מאַשינען באַ אַלע שניידער אָנגעשטעלט.

איז דער אָפּטו פון נישט־גוטן, פאַרשטעלטן דייטשל:
אַז זיידע זאָל אַ נייע מעלאָכע ערשט זיך נעמען לערנען.

אין הויז האָבן ווענט ליידיקע, נישט באַהאַנגענע,
ווי א ווינט — זיידן פון שטוב געטריבן.
ס'האָט זיידן נישט געפּאַסט אַף די אַלטע יאָרן
אין מאַרק ארומגיין און פּוסטעפּאַסעווען...
וועלן באַ די געוועלבן שניטקרעמער אים פאַרטשעפּען,
און זיך אָנשטויסן, וואָס דאָ איז געשען...

4

אין איינעם, אַ פרימאָרגן, אַז בלאָ איז נאָך געווען אין דרויסן;
האָט זיידע מיט נאָדל־שער, טאַלעס און טפילן,
און אַ זעקל אַף די פּלייצעס זיך איבער דערפער גיין געלאָזט.
ווייל העגזל, זיין זון, האָט שוין באַצייטנס זיינע קונדן אים
געיאָרשנט.

[זעקס]

אַז זיידע האָט די שטאָט הינטער זיך געלאָזן,
האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ בליק אױף צוריק געוואָרפֿן:
„וואָס־זשע,
איידער באַ זיך אין שטאָט אַ טאַכריכים שניידער ווערן,
איז בעסער מיט שער און נאָדל דערפֿער מעסטן.“

פּױלישער וועג — באַרג־אַראָפּ, דעם שטעקן פֿאָראױס;
אַ שאָרכן פֿון זאַנגען אומטערטעניק־געבויגענע.
דער גאַנג איז גרינג, דער הימל קלאָר, פֿעלד און וואַלד אַרום.
אָט, באַרג אַרויף —
האָבן האָוועדיקע הינט פֿון אַ הויף שרעק אָנגעוואָרפֿן.
ווישט זיידע מיט אַ פֿאַטשיילע דעם שווייס
וואָס האָט גענומען קוואַלן אױף די פֿאַלדן פֿון זיין שטערן.

ביסלאַכווייז איז דער גאַנג געוואָרן שווער און שווערער,
האָט ער זיך גענומען טרייסטן:
אָ, אָ, — באַלד.
ס'האָט אַ דאָרף קלויסטער־שפּיץ זיך שוין אַרויסגעוויזן.

עפּעס שווינדלען פֿאַר די אויגן האָט גענומען מער און מערער..

לױפֿט דורך אין קאָפּ אַזאַ געדאַנק:
„טאָמער, די שאָ זאָל נישט זיין,
זאָל נישט זיין!
אין דאָרף
אַ ייד אױף די אַלטע יאָרן...

מיטאַמאָל איז געוואָרן זיידן ביטערלאַך אין מויל,
אַ דראָזש איז איבער די ביינער אַריבערגעלאָפֿן,
דער גוף האָט שווער זיך אױף די פֿיס גענומען זעצן.

און ווען אַ באַלגופֿל, מיט אַ צווייגעשפּאַן,
האָט זיידן אין וועג אָנגעטראָפֿן,

האט זיידע העכער דעם שטעקן אויפגעהויבן,
געגריסט זיך און געבעטן:
זאָל ער אים אין שטאָט, אין שטאָט־אריין.
צו זיינע קינדער פירן.

5

אז מ׳האָט זיידן צו זיין זון הענזל אין שטוב געבראַכט,
זענען די אויגן בא אים געווען שוין האַלב צוגעמאַכט,
די ווענט ארום זענען באהאָנגענע פון אַרבעט געווען,
און שטעפּמאַשין האָט מיט הילכעריי די שטוב פאַרפולט.

האָט זיידע די אויגן אויפגעמאַכט — דערזען די מאַשין,
האָט ער זיינע אויגן ווידער צוגעמאַכט.
האָט ער געזען זיין אייגן בלוט און פלייש
פאַרעט זיך ארום די קליידער, און טאָך מער ארום דער מאַשין —
האָט ער געוואָלט זאָגן עטוואָס און שוין נישט געקאָנט.
פון ליפּן האָט זיך אזוי ווי אַ שאר פון ווינט געהערט:
מ־אַ־ש־י־ן, מ־אַ־ש־י־ן.

6

זענען זיינע טעכטער זיך צוזאמענגעלאָפן,
און ווי אַ טאַטן באוויינט.
שכײנישע ווייבער האָבן הענט אף די בייכער אָנגעשפּאַרט,
צווישן זיך גערעדט:
ער, דער אַלטער, האָט זיך זאַטיק אויסגעלעבט זיינע יאָרן,
נאָר דאָס, פאַרן ניפטער ווערן, ווער ווייסט וואָס ר׳האָט געפלוישט
מאַשין, מ־אַ־ש־י־ן, מ־אַ־ש־י־ן.

האָבן ווייבער אין שטעטל זייערע קינדער אָנגעהויבן שרעקן,
אַז עפּעס אַ נישטגוטער, איז פאַראַן
אין דעם דייטשלס שנעל־שטעפּענדיקער מאַשין.

מיין זיידע הענזל שניידער.

באַ די פּראָסטאַקעס ביסטו הענזל דער שניידער געווען.
אין שניידער שולכל — דער גאַבע, הענזל דער באַלעבאָס געווען.
און אין דער היים האָסטו יונגע פּאַניענקעס די בריסטנברייט
געמאָסטן.
רעביצענס, גאַלעכטעס, זייערע קליידער נאָך לעצטער פּאַריזער
מאָדע געצירט.
אין ראַבאָניש, גאַלאָכישע, פּריצישע הויפן האָט מען דיך
אַן ארייַנגייער געזען.
אָבער אַ יאַרמעלקע אַ סאַמעטענע אפן קאָפּ איז אַלעמאָל געווען.
דו האָסט דיך אַנדערש־נישט אין מאַרק אריין געוויזן,
ווי אין אַ וואָלענע בעקעשע מיט אַ וואָלן גאַרטעלע אין
ו ו אָ כ נ ט ע ג.
אַ זיידענעם כאַלאַט, און א זיידן גאַרטל, אַ פּערצן שפּיציק שטריימל
אין ש אַ ב ע ס ד י ק ע טעג...
ווייבערס מיילער האָבן פאַר שכיינים דיך גערימט — העזלס
אַרבעט ?!
האָסט קישעלאָך פאַר זיי געמאַכט צו דערהויבן איינגעפאַלענע
בריסט.
דיין נאָמען איז געווען דאָס גרויסן זיך פון ארעמע קאַלעס,
ווייל דו האָסט כופּע קליידער זיי געפּאַרטיקט.

אַז מיין ערליכער איציק הענזלס איז אַ שניידער מייסטער ווען
געוואָרן,
האָט ער בריוושטאַפּעטן אין הויפן באַרימעריש ארייַנגעשריבן:

Isak Heisler
Krawiec Damski
Syn Hensla.

די טראַדיציע פון וואָלף איציק הענזלס דער דאַמענשניידער

רעדט דאָס ווייב אין שטוב:
ס'זאָל זיך עפענען דאָ אַ גרוב,
וואָלט איך ליבער אריינגעשפרונגען —
אַבי נישט דיין קינדיש פאַסאָן־גלעטן צוצעזען
און פון דיינע פאַרדינסטן — נאָך עסן קויפן גיין...

וואָלף זיצט בײַ דער אַרבעט בײַם סטריגיווע טישל,
איינגעגראָבן דעם קאָפּ, אַ פוס אוועקגעלייגט איבער אַ פוס,
הייבט ער דאָס יאַקל, נייגט פאַרן אויג, גיט עס אַ גלעט —
צום ווייב רעדט ער שטיל, האַכנאָעדיק און בעט:
וואָס ווילסטו פון מיר? איך קען דאָך נישט אַנדערש?!
ס'איז דאָך אַ כאַסענע קלייד, אַ צירונג
וואָס וועט באַשיינען אַ קאַלע צו דער כופּע צו גיין.

שווער איז מיר טאַנדעטן און זיך אליין צו נאַרן.
איך ווייס שוין אליין, וואָס ס'הייסט אַ פאַסאָן.
צי האָט דער טאַטע מיינער, און דער זיידע הענזל —
אויך נישט אזוי געטראַכט וועגן אַ מאַלביש, אַזאַ קלייד?
צי האָט ער נישט געאַרבעט, יעדן שטאָך געציילט, ווען ער
האָט גענייט?

— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

מאַמע

מיט לייזער דעם ראָווס זון בין איך אין כיידער אַף איין באַנק
געזעסן.

אַז מיין מעלאַמעד איטשי האָט מיר באַפוילן,
איך זאָל דאַנערשטיק מיטן ראָווס זון די פּאַרשע איינכאַזערן,
האָסטו, מאַמע מיינע, אָנגעקוואָלן און זיך געגרויסט —
אַזש דאָס גאַנצע שטעטעלע האָט גענומען קאָכן.
דיין באַגער, מאַמע מיינע, איז געווען,
איציק שניידער זאָל האָבן אַ זון,
טוירע, סכוירע און געפּוצטע שטיוועלאַך.
האָסטו געהאָפּט: איך, דיין אייגן בלוט און פליייש,
זאָל אין אַ יעשיווע אויפוואַקסן.
און אין אַ זאַטיק באַלעבאַטיש הויז
פּאַר אַן איידימל אָנקומען.
צונויפבינדן —
וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן
דורך דיר, מיין מאַמע:
וואָס האָסט צוליב אַ ליבע צו אַ שניידער יונג
דיין מישפּאָכע ייכעס גרינג פאַרטאַכלעוועט.

היינט בין איך, דיין קינד, אַ דערוואַקסענער געוואָרן,
און לויב די ערשטע הענט, וואָס האָבן אין שטעטל קאָמאַרנאָ
דעם באַלעבאַטישן הימל געשפּאָלטן, —
מיין מאַמעס הענט...

שניידער יונגען

שאַבעס צומאָרגנס:
ווען באַבעקעשטע אידן אונטערן אָרים מיט טווילימזעק
קעפּ באַשטריימלט, מיט אָפּגעגלאַנצטע שטיוול
האָבן דורכן מאַרק שנעל אין שול זיך דורכגעשלייכט.
דעמאָלט זענט איר, שניידעריונגען —
מיט נאָדלס איינגעשטעקט אונטערן לאַץ,
מיט כאַציוויע דער זיצערקעס מויד אונטערן אָרים,
שפּאַצירן אַרוים אין מאַרק. —
דאַווקע די שול אַלעמאָל פאַרבייגעגאַנגען.

ווען קאָהאַל און די מייסטערס אייערע,
זענען שוין פון שול געגאַנגען,
האָט איר טיכעלאַך רויטע
אין אויבער קעשענעס אריינגעשטעקט.
אין די פּיסקעס ציגאַרעטלאַך רויך, —
אַרויסצואווייזן:
מיר — מיר זענען סאָציאַליסטן, פריידענקער.

2

שאַבעס נאָכן קוגל עסן. —
אַלע האָבן זיך אויסגעלייגט:
ווער אין פאַרקן אָפן גראָז,
ווער אָפן באַמבעטלברעט באַ זיך אין הויז.
ווער פון יונגוואַרג אַ דרימל כאַפּט,
אין בייסאַמעדרעש און אין בעלזער קלויז.
אַריבער אַ סייפער אָנגעשפּאַרט.
פון געוועלבן, שענקען —
טיר און טויער איז צוגעמאַכט.

[צוועלף]

אין גאַס בלאָנקען וואַלעקסעס הונט
און דעם קוואָרעס גוים כאַזיירים אַרום.
און איר, שניידעריונגען, אין העלע אַנציגער :
דער קנייטש אין די הויזן — מאַנזשעטן אויסגעפּרעסט.
אַף גומענע קלעצל פון שאַבעסדיקע שיך.
וויגט זיך שטילער איבערן מאַרק אייער גאַנג.

3

אין סאָד האָב איך פון אייך געלערנט :
רייסן וויינשל און וויינפּערלאַך אום שאַבעס.
אַלציינס שניידעריונגען !
פאַר וועמען זאָל א שניידעריונג מוירע האָבן ?
אַ באַלעבאַטישע טאָכטער וועט סאַי ווי סאַי
פאַר אים אַ קאַלע דאָך נישט ווערן.
און כאַציווע וועט פאַר אים אַ כופּע שטעלן,
אַפילע היינט אים שאַבעסדיקן מיטנטאָג.

4

איר, די ברידער שניידעריונגען, פון מיין שטעטל,
איר האָט געכאָלעמט, געהאָפּט און גערעדט,
די ערשטע ריידעס — האָב איך זיי געהערט,
אין וועלדל און אין סאָד שאַבעס נאָכן עסן.
רעוואָלוציע,
קלאַסנקאַמף.
שניידעריונג זילבערשטיין —
מיטן אַקאַדעמישן הוט,
ר'איז געווען דער ערשטער
וועקן אין מיר דעם שטאָלץ,
פון נישט אַ באַלעבאַטיש קינד צו זיין.

צו ווערן אוים שניידעריונגען
האָט איר אפילע נישט כאָלעמען געוואגט,
איר ליבע שניידעריונגען פון מיין שטעטל.

[[illegible]רעצן]

פליט־פלאפלער שיע מענדל שניידערס.

1

אין הענט אַנגעצונדענע, אָפּגעבוימלטע פּאַפּיר לאָמטערנעס
פלעגן מיר קינדער ווינטער באַנאַכט פון כיידער גיין,
איבער דער ברייטער צאָל אָפּן קאָל הויך זינגענדיק:
אוי, אוי, אוי. אוי, אוי, אוי. אוי, אוי, אוי.
שיע פלאַפלער. מענדל פּאַרעכס — זאָל קייען שטרוי.
רהאָט דערציילט היינט אַזאַ מאַנסע: פון אַ שעד מיט אַ פּרינץ.
אַז ווי איז זיין מאַמען, ווי איז אים און ווינד.
זאָל אַזוינס גאָר נישט טרעפן צו אַ יידיש קינד...

2

אייערנעכטן, היינט, מאָרגן און איבערמאָרגן קעסיידער אין כיידער.
נאָך ווארעמעס, אַז מהאָט דאָס כומעש אָפּגעכאַזערט שוין,
פלעגן מיר קינדער בעזאַמען, בעזאַמען,
ארום דעם רעבינס פּריזבע פריזבע זיך פאַרטאַמען:
פּסאַכיע, מענדל פּסאַכיעלעס,
מוישע, הערש בעקערקעס,
שלוימע דער געזונטער פרעסער (יאַנקלס אונעק)
מוישעלע דער ציטריקער, דאָס גווירישע קינד,
שיקע, שיע, פלאַפלער־פליט, שיע מענדל שניידערס,
טויוויע שיע פּייוועלעס און איך:
האָט מען שפּילנדיק בלאָטע איינס אָפּן אַנדערן געוואָרפן.
האָט מען שיקע פליט מיט שטויב די אויגן צוגעמאַכט:
זאָל אַזוינס גאָר נישט טרעפן צו אַ יידיש קינד...

[פופצן]

3

אַז שיקע פּליט־פּלאַפּלער מיט דער פּאַרקרומטער נאָז
(דער רעבי הערש ביסאַטע האָט אַזאַ צונאָמען אים געגעבן.)
האָט זיך אַלעמאָל אַרויסגעגאַנוועט פון אונטער רעבינס הענט.
האָבן מיר קינדער מיט געשרייען אים אויפגענומען:
שיקע איז דאָ, שיקע, שיע — ביזט ווערט די טליע.
פאַר דיין נעכטיקער מאַנסע,
אַזוי ווי די באָבע דערציילט פון יאַנקעלע קאַנסע,
לעפּעלע בער — גילדענע שער.
דער טאַטע האָט געבייזערט זיך: פאַרוואָס האָב איך מוירע
פאַרן לייגן זיך די מעזוזע קושן צו גיין.
טאָמער, אונטער דער שוועל, פון א שטיין, וועט אויפגיין
דער שעד וואָס גאַנוועט דעם פּרינץ,
ווייַ איז זיין מאַמען, ווייַ איז אים און ווינד,
זאָל אַזוינס גאָר נישט טרעפן צו אַ יידיש קינד...

אָבער מיר יידישע קינדער. מיר האָבן נישט קיין מוירע.
אונזערע זענען — ציצעס קאָשערע, און מיר לערנען זיין טוירע.
דערווייל שיקע, דערצייל אַ מאַנסעלע, דערצייל — מיר ווילן הערן:
פון דיינע מאַנסעס וועסטו מיר קיינמאָל שוין ניט ווערן...

4

און אַז מיר זענען צוועלפיאָריקע שמונצבאָכערעס שוין געוואָרן,
אין מיטנמאַרק אַרומצעלויפן מיט א רייף איז שוין נישט שיין.
פלעגן מיר זיך אין זומערטעג נאָכן כיידער שפּילן אין שפּייכלער
באַ מוישע ביגלאייזן דעם גווירשען קינדס — צווישן ווייץ און קאָרן,
ריידן פון מיידלאך און פון זייער פּריצישן כיין.

שיקע איז אויך מיט אונז, האָט ער פאַרנומען שטיל דערציילן:

אַמאָל אַ פּרינצעסן, סהאָבן זי וואַלדגאַזלאָנים געפאַנגען.
פאַרשלעפּט זי אין אַ לאַנד אַ ווייטן, אַ געשמידטע אין קייטן.
און זיי האָבן זי געשלאָגן און געשלאָגן מיט אייזערנע שטאַנגען.
זי — נעבאַך, אַ פּרינצעסן, אַ פּריצישע קינד;
ווי איז איר מאַמען און ווי איז איר און ווינד.
זאָל אזוינס גאָר נישט טרעפן צו אַ ידיש קינד...

5

מאָנטאג־מארקטאָג, אין מיטן מארק פורן, גאָיעס, — א יאריד.
זיצן און שטייען דזשאדעס, באבעס אָפּגעריסענע, אָפּגעשליםענע,
בא איינעם אַן אויסגעהאקט אויג מיט שווארצע וואטע פארבונדען,
באם צווייטן א קוליע אונטערן אָרם העלפּט אן איינגעבויגענעם
פּיס זיך האלטן.
שפּילט אַ שטריקל אויף אַ ברעטל, זינגען זיי:

באלעבאטים טרינקען,
באלעבאטים האָבן,
איך טרינק נישט,
איך האָב נישט.

שיקע גייט מיט מיר אין מארק פאר א גראַצער קארשן קויפן,
וועלן מיר פארן עסן א בראָכע מאכן, וועט די מיצווע גלייך
צעטיילט ווערן.
דערהערט שיקע דאָס קליוואָנערל שפּילן, נעמט ער דערציילן:

סהאָט עלי נאָווי פאר אַן אלטן מעדינע — ייד זיך פארשטעלט,
אויסצעפרואוון רייכע האָט ער זיך פארשוואוירן, געטאָן
קעמאָט א ניידער.
ער האָט זיך אָנגעטאָן א טאָרבע אף אקסלען און צעריסענע קליידער.

שטייט עלי נאָווי באַ די שולטוירן אזוי אין מיטנוואָך
און אַך —
סהאָט קיין איינציקער באַלעבאָס אים נישט אהיים פאַרבעטן
— גענומען.
סהאָט דער גוויר וועקסלער עלי נאָווין געהייסן וואַרטן ביז
שאַבעס וועט קומען.
דעמאָלט נעמט שוין שמואל וועקסלער אין סאַליע אריין מיט זיך
אַן אויראַך.
און טראַך —
אזוי ווי שמואל וועקסלער אין מיטנוואָך האָט דעם אויראַך,
עלי נאָווין אָפּגעזאָגט,
איז דאָס מויל באַ אים פאַרקרומט געוואָרן ביזקל הײַנטיקן טאָג.
ווײַ איז זײַן מאַמען, ווײ איז אים און ווינד.
זאָל אזוינס גאָר נישט טרעפן צו אַ יידיש קינד...

6

אין שטעטל באַנאַכט, סלעבט זיך באַ הערשעלע רעכילס אין הויז.
די מוזיק שפּילט, די פּויק קלאַפּט אַף אלע וועגן ארויס.
גע־האַ־דויע, ברומט אפן באַס: די מיזינקע אויסגעגעבן, אויסגעגעבן.
טיר און טויער ווערן אויפגעפּראַלט פון יונגען און מוידן,
מלזאַט זיך לויפן מיט שפּילקעס און נאָדלען אין די הענט.
משטופּט זיך, שפּילקעס שטעכן, מע קוועטשט זיך און מען שרייט:
מע גייט שוין צו דער כופּע, צו דער שול, מע גייט.
אַן אַ העמד און אַן אַ קלייד, האָט מען אים דעם קאָפּ פאַרדרייט.
מע גייט שוין צו דער כופּע, צו דער שול, מע גייט...

שיקע איז אויך אויפגעוועקן באַנאַכט, דערציילט ער אַ מאַנסעלע
אַ שיינס:

איינמאָל איז בא א קרעטשמאַר אַ כאַסענע, די גויעשע מוזיק שפּילט;
האָט פון בוידעם אראָפּגענידערט אַ שרעטעלע אין זיידנס געהילט,
אַ קריגעלע בוימאייל און אַ קריגעלע ביר,
האָט דאָס שרעטעלע אוועקגעשטעלט גלייך באַ דער טיר.

זענען יאָרן א סאַך אריבערגעאנגען,
זענען יאָרן אַ סאַך אריבערגעלאָפן,
זענען יאָרן אַ סאַך אריבערגעפאָרן,
און דאָס קריגעלע בוימאייל,
און דאָס קריגעלע ביר —
איז נישט אויסגעליידיגט קיין מאָל נישט געוואָרן
באַ דער טיר...
וואויל איז צו אַזאַ מאַמען, וואויל איז צו איר קינד,
זאָל טרעפן אזוינס צו יעדן יידישן קינד...

7

היינט, אַז יאָרן זענען אזויפיל שוין אוועק, אַוועק,
סאיז דאָ אַ מאַציייווע און אַ בערגל זאַמד אפן קאַמאַרנער
בייסאוילאָם
— איבער שיקעם יונגע דארע ביינער;
זאָג איך, אַלע מעגן וויסן:
דיר שיע, דיר איז אלץ איינס געווען ווי אזוי מהאָט דיך גערופן,
צי שיע מענדל שניידערס, צי שיע מענדל פּאַרכס.
ווייל צווישן אונז, מייסטע קינדער — דיינע כאַוויירים,
האָט דער ייכעס שטאַפּל העכער פון דיינעם נישט געגרייכט...
האָסטו אָבער געקאָנט אזעלכע עמעסע מאַנסעם דערציילן.
ביסטו דאָס געווען דער טוי, אָדער דער האַמער,
וואָס איז געפאַלן אַף מיין קינדערשער פאַנטאַזיע
און צעצינדן ליכטיקער מיין מאַרך...

בענציען דער מעכאַבער

און אַז בענציען איז אַהיים געקומען,
האָט מײַן טאַטע אים קיין שאַלעם נישט געגעבן,
דער טאַטע האָט געזאָגט:
אַז אים, בענציענען, טאָר מען נישט צו מיניען רעכענען,
ווײַל ער, בענציען, גיט זײַן ווײַב נישט אַף כּעיונע.
אַליין שפּאַנט ער אױס און פּאָרט אַרום
אַלע שטעט און דערפער אין עסטרײַכס־לאַנד,
גייט אָרכע־פּאָרכן אין די הײַזער,
באַקומט ער פון ראַבאָנים (אַפן אָרט זײַ צו געבן)
— פּידיען געלט.
הערט ער זײַ —
הױפּט ער צונױף וווערטער זײַערע:
איז באַלד אין בוזים־ביכל זײַערע רייד פאַרשריבן.
פּאָרט ער קיין לעמבעריק, גייט אין דרוקערײַ —
גיסט מען בלײַ אין אויסיעס אוים,
ביכער זענען שוין הויפנווײַז צונויפגעלייגטע.
אָנהויב בלאַט:

NACHDRUCK VERBOTTEN,
שטראַפע פון קעניגלאַכן־קײַזערגעריכט,
אונד שטראַפע בידי שמים.
בנציון גאָסנבאוער —
מיין פאָטער, דער וואָגעלעווער —
שישב על כסא הרבנות בשלשה מקומות
ב י ש ר א ל.

2

אַז דער צעטלפירער האָט פּעק צונויפגעבונדענע ביכער
פון באַן אין שטוב געבראַכט,
האָט בענציען אַ גאַנצן טאָג געמאַיסטערוועט,
אַפן בוידעם טשוועקעס געשלאָגן, פּאָליצעס פון ברעטער געמאַכט.
די ביכער דאָרטן שורעסווײַז אויסצושטעלן.

[צוואַנציק]

די צינענע אויסגעגאָסענע פּלאַטן,
זיי האָט ער איי־עלער געהאַלטן:
זייער אָרט איז אין סאַמע שטוב אונטערן בעט געווען...
פלעגט די גראָבע סאָשע, זיין ווייב, —
אַלע שכיינים צוזאַמענרופן, ווייזן:
אָט, זעט — בענציענס פאַרמעגן.
אָט, דאָס אונטערן בעט,
דאָס האָט ער מיר אַ מאַטאָנע געבראַכט,
אַ גאַנץ גייענדיקן יאָר אין דער היים נישט געווען.

3

אַז בענציען האָט מיך פאַרנאַרט —
איך וועל זיך אויסלערנען אַ גאַנצער איינבינדער ווערן, —
פלעגט ער קאַפּריזנע, נערוועז מיט די לאַנגע פינגער
מיר, איבער מיינע פינגער שלאָגן.
האָט ער מיך געלערנט מיט אַ נאָל לעכערן,
אַ שטריקל אַריינציען.
און אַז ס'איז אַ סייפער איינגעבונדן שוין געוואָרן
איז בענציען ווי אַ גוטער ברודער מיט מיר, מיט קאַלמלען, געוואָרן.
האָט ער געפרעגט,
צי וויים איך —
פאַר וואָס די אויגן מיינע זענען גרויס,
בעניי ביי מיט מיר אָנגעהויבן כעשבענען:
„זיינע האָהייט ראָטשילד"
האָט פינפאונצוואָנציק גולדן
פאַר אַ סייפער מיט דער פּאָסט געשיקט.
וועט אַ יעדער איינער, פרומער איד,
פאַר אַ סייפער אַ ריינעם דאַך באַצאָלן."

צען טויזנט ביכער —
צען טויזנט ריינישלאַך...

[איין און צוואָנציק]

צען טויזנט רײנישלאַך
װעלן אַ שטײנערנע קאַמעניצע אױפֿשטעלן.
הינטערן הױז — אַ טײַך,
װעלן דאַמפֿשיפֿן דורכגײן.
אײַזנבאַנען װעלן מיט דער צײַט אַרום דאָ
זײער װעג דאָ שנײַדן.

װערט אַזאַ הױז —
אַן אָפּשטײ־פּלאַץ — פֿאַר אַ װעלט..."

אַז איך האָב אים איבערגעשלאָגן —
װי אַ קינד אין מײַנע יאָרן פֿרעגט:
װאָס אַזױנס מ'זאָגט אין בײסאַמעדריש
— — — — — — — אַ מעכאַבער?
איז ער אױסגעװען די צײַט פֿון מיר.

4

אױב מײַן פֿאָטער, אָדער איך, מיט רײד
האָבן געזינדיקט אַקעגן דיר —
בין איך געשטראָפֿט געװאָרן
װי דו.
צינפּלאַטן אונטערן בעט.
ברעטער־פּאָליצעס ביכער אױפֿן בױדעם.
צען טויזנט ביכער,
צען טויזנט רײנישלאַך...

[צװײ און צװאַנציק]

קאפּ־אויצער דער טרעגער.

כאַיעם־נוסן־זאַלמעלעב, מיין „קאפּ־אויצערל“,
האָט דיין מאַמע איר איינאונאיינציקן
איר בען־יאָכידל פאַרצויגן.
שפּעטער שוין,
ווען קאפּויצער, דער לאַסטטרעגער
פלעגט באַ די ראָגן,
ווערטלאַך זאָגן,
מאַיסעס אויסגעטראַכט און דערציילט,
האָבן מיר, קינדער, גאַפנדיק,
ווי לעבן אַ טאַנצנדיקן בער זיך ארומגעשטעלט.

2

און אַז יעדן פּורים האָסטו מיט די בעלפער יונגען
יאָסעף־שפּיל, אַכאַשווערויש שפּיל,
און דיינע אַליין אויסגעטראַכטע שטיק געשפּילט,
איז דאָס גאַנצע שטעטל באַ שמיל לאַזוערעלס
באַנאַנד אין שטוב אָף די פּיס געווען.

די פאַרשייטע ווילדפּאַנגען
האָט מען צום אויפגעקומענעם גוויר אין סאַליע נישט אריינגעלאָזט,
פלעגן מיר דורך בוידעמער זיך גאַנווענען,
איבער הויכקייטן שפּרינגען,
ברעטער ברעכן —
קאפּויצערס אַליין פאַרפאַסטע גראַמענשפּיל צו הערן.

3

אף מאָרגן נאָך פּורים האָט מען דיך ווידער באַם ראָג,
מיט א פּאַרמעלטן גראָבן שטריק אף די אקסלען,
ווי דער לאַמפּאַס, בא א פעלדמאַרשאַל, אַרומגעבונדן געזען.
ווערטלאַך געוואָרפן,
דאָ און דאָרט.
און יעדער וואָרט —
נישט דערזאָגט און אָפּגעהאַקט.
מיט א פּריטקעלע אין האַנט אף דער ערד און שטויב געצירקלט
און אליין געטרוימט אזוי כאָלעמדיק;
ווי אזוי מיט א נאָדל און פאָדעם
אלע הייזער פון גאָר דער וועלט צונויפניייען —
און א גאַנצע וועלט, אן אינאייינעמדיקע וועלט זאָל ווערן.

ווייל דו, איינאונאייינציקער, ביזט אליין א וועלט געווען,
האָסטו געקענט כאָלעמען א וועלט א צענויפגענייטע צו זען.

4

דעמאָלט, ווען דו ביסט שוין אפן בעט,
א געשוואָלענער פון הונגער, אויסגעשטרעקט געלעגן —
האָבן מאַמעס זייערע קינדער איינגעוויגט
מיט קאַפּויצערס אויסגעטראַכטער מאַיסעלע.

„אמאָל זענען זיי
דריי ברידער געווען,
בלינדע צוויי —
און איינער האָט נישט געזען,
זענען זיי פאַרבלאָנדזשעטע
אין א טיף, גערידכטן וואַלד געוועזן —
אז איין בוים פונם אנדערן,
איז א מייל ווייט געוועזן.

[פיר און צוואַנציק]

זענען זיי הונגעריק געוועזן,
האָבן זיי געבראָטענע שוויפּטשענדיקע פֿייגל
אָפּן שפּיץ פֿון א בוים געזען . . .“

5

אַז דער שאַמעס האָט פֿאַר־פֿרי
אין טויערן צוויי קלעפּ אָפּגעגעבן,
האָבן די גאָטספּאַרכטיקע
איבער זייערע ליפּן געבראַכט
קאָפּ־אויצער:
„ברוך דיין אמת“.

6

האָבן מיידאַלאַך קליינע באַ דער ריקע
פֿאַרנאַכט דאָס געפֿעס געוואַשן.
אַרום די ברעגן האָט זיך געצויגן
פֿון קינדערשע מיילער דאָס טרויעריקע ליד,
וואָס קאָפּויצער האָט געזונגען,
ווען זיין איינציק מיידעלע איז אָפּגעשטאָרבן:
צי האָב איך דען דאָס געוואוסט,
צי האָב איך דען דאָס פֿאַרשטאַנען,
אַז ס'איז צו דעם לעבן —
א טויט נאָך פֿאַראַנען!

[פֿינף און צוואַנציק]

איר יונגע קינסטלער!

קינדער, יונגע קינסטלער —
איך פֿאַרנעם דעם פּלאַטער פֿון אייערע פֿליגל,
ווי דאָס ציטערן פֿון זעגלען אַפֿן ווייטן טרויער, פֿון ברייטן יאַם.

איך האָב ליב אייער פֿאַרשיקערטקייט,
אייער כאַלוימעס שפּינעריי,
און אייער גאַנצע פֿאַבריק פֿון גרויסווערן וועבעריי.
אייערע אויגן, וואָס פֿילן זיך אָפֿט אַזוי עלנט —
אפֿילע באַם טאַנצן,
פֿון אַ גראַציעזער מיידל אַרומגענומען.
און אייער טרויער, וואָס טריפֿט מיט אַזאַ משוגענער פֿרייד —
אפֿילע ביים פּסאַק
פֿון נישט געקרוינט ווערן.

איך האָב ליב ריידן צווישן אייך —
ווייל מיר פֿאַרשטייען זיך איינס ס'אַנדערע —
ווי די טויב־שטומע זייער האַנט באַוועגן
אַפֿן ראָג פֿון קלינטאָן גאַס.
און ווי די לאַסט פֿון אַ געבעטן ווינטער־ראָק אַף אַקסלען מיינע —
אין אָנהויב פֿרילינג טעג —
ליגט אַף אַקסלען אייערע נישט וואַקלענדיקע
די בענקשאַפֿט מאַסע.
וואָס וועט בלייבן אַזוי הייגנענדיק —
איבער שטאָלצע קעפּ...

[זעקס און צוואַנציק]

נאַפּטאַלע באַטווין

גוטער אינגל —
איך קני אנידער.
דו האָסט אזא וואַרעמען גוף
אוועקגעשאנקען
פאַר מיר און פאַר מיינע ברידער.

אַ נאַכט שוין שפּעטער —
ביסט נאָך נישט געוועזן
ווי דער נאַצאַרענער אויפגעשטאַנען, —
האָט שוין אַ קאָל זיך אומגעטראָגן
איבער שיפן, איבער באַנען :

„נאַפּטאַלע באַטווינס שטילע האַנט
האָט אויסגעשטרעקט זיך,
האָט אויסגעשאָסן,
האָט ג ע ו ו אָ ר נ ט!"

טעדי דער „עלעוויטאָר־באָי“.

ווען איך זע דיך, טעדי,
זונטיק אין ווייסן העמד און אויסגעפוצטן,
שטאַרט שוואַרצקייט פון אונטער דיינע נעגל —
און אַ ווייסער מאַנזשעט פון אונטער אַ שוואַרצן אַרבל אַפיר,
צעטאַנצסטו זיך אַפן אָרט,
ביסטו אַזאַ גוטינקער...
צעלאַכסטו דיך מיטן פולן מויל,
זע איך דיינע ווייסע עלפאַנט ציין ארוים.

טעדי, ברודער,
ביסט געקרוינט געוואָרן אין נויאָרק,
ביסט דער פירער, וועגווייזער —
אין אַלע געפוצטע ווייס ברוקירטע הייזער
פון דעם עלעוויטער...
ביסטו אַ קענער:
ווייסט, וואו דער שפיץ־דאַך שלאָגט אָן,
וואו טיפסטע, קעלערטיפעניש געפינט זיך...

ווייטאָגט מיר,
דער קוק פון גלאַנציק שוואַרצע אויגן
מאָנען זיי,
פרעגן: —
גלוסט זיך עפשער דיר אַ לינטש טאָן?

— — — — — — — — — — — —

פאַרשעם איך מיך, טעדי,
פאַר די גלאַנציק, שוואַרצע אויגן דיינע...

[אכט און צוואַנציק]

דאָס ליד פון גאַנצקייט

ווייל פון צעהאַקטע שטיקלאַך, ברעקלאַך
האָט זיך די גאַנצקייט נישט באַקומען,
האָט אַ שטראָם הייסער כוואַליעדיקער גאָס־רעגן
אַריבערגעפּאַטשט איבער בלויאַפּלען,
פון אַ קאָפּ אַריבערגעבויגענעם אויף דער מאַשין.

כליפּענדיק האָט זי צו זיך גערעדט:

אַזויפיל יאָר שוין,
אַ יאָר נאָך אַ יאָר,
אַזויפיל טעג שוין,
אַ טאָג נאָך אַ טאָג,
מיט דער פרייד, וואָס אַ מוטער זעט איר קינד,
פון קליין — גרויס און גרעסער,
זע איך, מיט אָט אַזאַ פרייד, אַלעמאָל,
ווי ס'וואַקסט די אַרבעט אונטער מיינע הענט:
פון שטיקלאַך, גאַרנישטן, צעהאַקטע —
גאַנצע, גרויסע, שיינע קליידער;
העפט איך איינס צו אַ צווייטן, צו אַ דריטן —
ביז איינס,
אַ גאַנצקייט ווערט.

דערווייל איז פון מיר אַזאַ איינס אַ גאַנצס —
נאָך נישט געוואָרן.
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
ווער ווייסט,
פאַרוואָס ס'איז אַזוי, אַזוי געוואָרן
היינט די אַרבעט אונטער מיינע הענט?

[ניין און צוואַנציק]

הייליקע שטומקייט.

האָט ער, דער באַלעבאָס,
געוואָרפן מיט זיינע שווערע, לאַנגע הענט
און ווי אַ וואָלף געברומט צו זיין פאַרציקונג,
אַז דער טויטער־שטומער ביגל־ברעט איז אַן איידעס:

דאָס דער גרויסער סעם,
וואָס פלעגט אין דער אַלטער היים — האַקן אָפּ'ן יאַטקע־קלאָץ,
האָט די אַרבעט פון דער זיידענער ראָזעווער קלייד
שלעכט, נישט ריכטיק אריינגעניית.
אַזש דער טויטער־שטומער ביגל־ברעט איז אַן איידעס...
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
און אַז ס'זענען סעמ'ס אויגן בלוט איבערגעלאָפן,
און אָפּ'ן הויכן קאָל אויסגעשריגן:
אַזאַ —אַזעלכע באַלעבאַטים
דאַרף מען צעהאַקן אָפן יאַטקע־קלאָץ!
איז הייליק שטיל געוואָרן...

זענען קיילעכדיקע פלייצעס איבער מאַשינען געלעגן
און ס'האָט זיך געהערט, —
און ס'האָט זיך געזען, —
אַ געזונטער דרייען פון גרויסע־קליינע רעדער אייזערנע,
און דער ביגל־ברעט, אַ שטומער איידעס...

[דרייסיק]

די מאשין.

באנאכט איז זי
א רואיקע א שטילע,
א פארשלאפענע!
אינדערפרי —
ווי צעשפילן זיך —
קיצלען מיינע פים דעם „טרעטער“
ווערט זי ווילד,
ווערט זי ווילד, —
וויינט, קרעכצט, זינגט די מאשין.
איך — א דערשראקענער.
ציטערן מיינע הענט,
ווי אין א קראמף.
ווארף איך אונטער שטיקער זיידנצייג —
ווערט דאס צעשטאכן,
פון א שפיציקער נאדל —
ווערט דאס צעהאקט,
פון די שארפע ציין
פון דעם „שיבערשלעפער“.
און סרייסט הונגעריק
אין יענער זייט אריין,
דאס זיידנצייג אוועק פון מיר.
איך מוז א י ר העלפן
איינשלינגען.
און סציטערן מיינע הענט —
ביז ס׳קומט די נאכט, —
די שטילע נאכט.

[איין און דרייסיק]

באַלאַדע פון נאָט דעם פּרעסער

האָבן פאַלדן זיך גוטע און שטילע געלייגט,
ווי די שאָף צו רוען אין הייסן מיטנטאָג.
אַ שפּיצנדיק לעבעדיק אייזן האָט זיך געגליטשט
אין הייסן מיטנטאָג, ווי אויף גלאַטיקן אייז,
און ס'איז געוואָרן מעכאַיעדיק דאָס גלעטן
אויף שאַרפן שטאָף מיט פּייכטער האַנט.
און אויגן האָבן זאָט זיך נישט געקאָנט אָנקוקן:
פון געקנייטשטע געוויקלטע שטיקער קנוילן,
איז שוין געהאָנגען שערענגעס באַנייטע, אויסגעשטרעקטע
אָנגעטואָכצן.

פּלוצים האָט עפּעס אַ סמאַליע, אַ ברי געטאָן
אין ביידע זייטן שיידוואַנט פון דער נאָט,
און פאַר די אויגן האָבן קאַלירן זיך געמיניעט,
ווי נאָך אַ שלינג פון „מעלאָכעטן מונשיין“,
און ווי סגייט אויף די פּעטע ווארעמקייט
פון אַ שטייענדיקן טייך אין אַ זומערנאַכט
אַזוי איז אויפגעגאַנגען דער צאַר
פון נאָט דעם פּרעסערס אויגן.
און אויף ווייסן זיידנקלייד אין סאַמע מיטן פאַנעם
איז אַ צייכן אויסגעברענט געווען . . .

[צוויי און דרייסיק]

ווייכע אײדעלע פינגער

האָט די געטרייע האַנט פון באַלעבאָס געלעקט, געגישטערט
ארום אַ דרייענדיקער אין געוואַנט אייגעהילטער טאָוועלנער פיגור.
צירלאך־מאַנירלאך, האָט דער באַלעבאָס אַף זיין פעסטן הייזעריקן
קאָל ארויסגעברומט:
באַלמעלאָכע טשאַרלע —
זעט איר ווי די ארבעט אייערע, באַלמעלאָכע טשאַרלע:
ווי זי דרייט זיך, ווי זי קנייטשט זיך, ווי זי בעט —
ווי איינע וואָס האָט ניט אַף שאַבעס אָדער אַף זונטיק.

— —

ס'איז מיין ווילן איר זאָלט גיין — גיין פון דאַנען...

אין וועג צום טשערמאַן, איז יוניאָן ברודער טשאַרלע, געוועזן אויפגעשטאַנען,
איז ער צוגעגאַנגען, און האָט אויסגעשריגן —
טשערמאַן, ברודער!
ס'איז נישט געזעצלאך און נישט יוניאָן מעסיק, ווי איר שווייגט!

האָט ברודער טשערמאַן מיטן גאַנצן שטאָלץ און פאַרנעם זיך אויפגעשטעלט,
ארויסגערעדט געלאַסן, נאָר מיט ברייטקייט:
זענט איר בייז, ברודער טשאַרלע, בייז?
וואָס, פלוצים, גראָד בין איך שטום געוואָרן.
קענען דאַרף מען מאַכן א „פייפפינג".
אַף מאַכן גלאַטע, קיילעכדיקע „פ י י פ י נ ג",
האָבן מוז מען אײדעלע, ווייכע פינגער.
ווייכע, אײדעלע פינגער דאַרף מען פאַרמאָגן...

[דריי און דרייסיק]

האָט זיך געבלאָסט און געגרויטלט ברודער טשאַרלע,
די שטים אַ ציטערדיקע האָט ארויסגערעדט.
אַכט און צוואַנציק יאָר, שוין מיינע ציין אין אָט די יוניאָן שעפּער
אויפגעפרעסן.

היינט די ערשטע וואָך ארויף אין שאַפּ,
ס'האַרץ ווערט רירעוודיק, צייטן היינטיקע — מ'איז נערוועז.
ציטערט דער טיש פון מאַשין אונטער מיינע הענט פון באַוועג.
טרעפט אַמאָל גראָד אַף שלימאַזל גוירל, געראָט די אַרבעט פונקט
קאַפּויר —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ברודער, איר אַליין שעמט זיך נישט פאַר זיך אַליין ס'בלוט אין
מיר פאַרצאַפּן?

האָט דאָס געדודער פון ווענט שאַפּ אַראָפּגעניזערט אזא שטילע —
די שטילקייט אָפּגעליימט די אַרבעט אין א שיינעם מיטן־טאָג.
מיט אַמאָל האָבן הונדערט זיך ווי איינער אויפגעשטעלט —

אַ קאָל האָט אַדורכגעפלאָכטן אַלע גלידער פונם טשערמאַן ברודער,
געוועקט אין אים אַ קאַם ווי באַ אַ קריגס־מענטש,
ווען דאָס כאַיל קומט נישט נאָך זיין באַפעל,
נאָר ווערטער גליאיקע אין האַלז אריין געוואָרגן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

נישט געזעצלאך, נישט יוניאָן מעסיק אייער סטרייק!

ער, באַלעבאָס, איז ווי אַ הונגעריקע מויז ארומגעלאָפן,
געשפּאַנט, געזוכט אַן אָרט וואו אריינצושרייען.
וואו זיך — וואו באַהאַלטן פאַר דעם געשריי...
וואָס האָט געטריפט פון רעדער שטילע.

[פיר און דרייסיק]

לילי׳ם כּאַסענעגיין

האָט דער טאָג אריינגעשטאָכן דורך די גרויסע שויבן,
מיידלאך פאַרקלערטע ווי די טויבן,
געזעסן זענען איבער די מאשינען ווי איבער א קיווער אָנגעבויגן.

ווי א ווינט האָבן געיאָגט זיך לילעס מעניוקירטע הענט,
לילי, וואָס אירע ליפּן זענען אָנגעפאַרבט,
ווי די דרויסנדיקע רעקלאַמעס אף די ווענט .
ס׳האָט זיך דורכגעטראָגן באַלד אַ לאַך און שוין אַ זינג,
אָפּגעמאָסטן אזוי לייכט און גרינג,
אין אַלע ווינקלען פון דעם גרויען גרויסן שאַפּ.
ס׳האָט אפילע מיטגעזונגען דער נאָדלס יעדער דראַפּ,
וואָס האָט געלעכערט ניט־שולדיק ווייסן זיידנצייג,
פון לילי׳ס יעדן ריר, פון לילי׳ס יעדן נייג . . .

ווערן מיד פון ווארפן שווער געוואָרענע נאָכגעלאָזטע הענט,
א געלער מאַטער שטראַל שפּרייט זיך אויס אויף גרין
באַפאַרבטע ווענט.

שטייען אויסגעשטעלט אלע, ארום לילען אין א ראָד,
רעגנט מיט קאָנפעטי און בלומען איבער אַקסלען —
אזוי ווי הארבסט, ווען בלעטער פאַלן אין סאָד . . .

פירט — ציט דער עלעווייטאר א יעדן אין גאַס ארונטער,
בלישטשען מיידלשע אויגן דערוואַרעמטע, פריילאכער, געזונטער.
מ׳איז מ׳קאַנע, מ׳רעדט, מ׳ווינצלט און מ׳זשומעט ווי די בינען,

נאָר ווי א כאַלעם געדענקט זיך איצט דער שאַפּ מיט די מאשינען.

[פינף און דרייסיק]

פון אלע זייטן פאבריקן פענצטער בייגן מיידלשע פענימער ארוים
זיך אין גאס,
באהויכט, קימאט ווי פון טרערן זענען מיידלאכס וויעס געווארן
נאס.
אין מויכעס גראבלט און פלאנטערט : — ווען וועלן אויפהערן דינען
אויך מיר דעם צאפלדיקן רויש פון די מאשינען.

אן אויטאמאביל מיט לילין, ווי פון זיך אליין געטריבן, איז אוועק
אין האנדלס גאסן — אף א שטאק אין דער הויך ערגעץ ווייט,
איז א פירעקיגע כופע געווען האלטנדיק אנגעגרייט.
אין ווייסע שעך־קליידער, שווארצע גאל־אנציגער,
ניכטערע בלויז א טייל, און א סאך שיקערערהייט,
האט מען געטאנצט און סטאם געיאגט זיך און געדרייט,
קלאמפערשט, ווי בא יענע וויים פארוקיקע עדל־לייט...

איז ווידער א טאג שוין געקומען,
געקומען איז דער טאג ווי געפלויגן.
געזעסן זענען מיידלאך איבער מאשינען,
געוועגדט זייערע אויגן —
אין דער ווייטער — ווייט,
פון באסענע־צייט...

דורכ׳ן פענצטער האט אריבערגעניינט א הייסקייט פון א
ניו יארקער זומער־טאג,
אויסגעסקריפעט האבן רימענס אויף רעדער אזא הייזעריקן געקלאג,
האט אן איבערגעקערט בענקל און א פארשטויבט לאקירטע
מאשין אומרואיק
— געווארט — — פאר ה ע נ ט !
ווי לילי אמאל, ווען אירע געדאנקען זענען געווען צום
באסענע זאל — געווענדט...

[זעקס און דרייסיק]

אין אַ הויז

אין איינעם אַ הויז
איז דאָס פּעכלדיקע ווייסע בעטגעוואַנט
פּאַרפּלעקט געוואָרן,
פון אַ צייכן.
און אַז אַ קיילעכדיקער בויך
איז אַזוי שפּיצעדיק געשוואָלן געוואָרן —
איז פול די וועלט מיט פרייד געווען.
און פיס האָבן זיך געראַנגלט
צוויי איבער צוויי
און אָנגעדראָלענע אָדערן האָבן מיט טויזנט אויגן ווילד אַרויסגעקוקט
און פּלאַצן אַזש געוואָלט.
איז עפּיס אַזוינס, אַ יונגס אַ קוויטשעדיקס
רויט, מיט הענטלאך און פּיסלאַך־שטעקעלאַך
פון צווישן פיס
אַ וועג זיך אין דער וועלט געבויערט;
זיין קעפּל פאָרויס געשיקט.
אַן אָפן מויל מיט רויטע ליפּלאַך געהאַט.
זענען אירע בריסטן צוויי,
האַרטע, טרוקענע איבער דעם נעפּעשס ליפּן אַריבערגעהאַנגען,
און אַ קוויטש פון אַזאַ קליינס
שרייט העכער אַלע ברויזנדע גאַסן אַריבער.
האָט זי, די באָבע, פאַר אַ סגולע
וואַקס אויסגעגאָסן
און מיטן גראָבן פינגער אָנגעוויזן,
אַז ער — דער,
וואָס זיינע פיס האָבן אין וואַרמע זומערנעכט
קאָנוואולסיוו געציטערט.
ער, זיינע ליפּן מאַטע, טרוקענע,
זאָלן ווייך מאַכן די וואָרצלען
פון די בריסטן

[זיבן און דרייסיק]

אָפּנאָגן פון איר זיין הייליקע באהעפטונג.
פאַר די רויטע ליפּן,
פאַר דעם קעפּל,
וואָס האָט זיין אָפן מויל קוויטשענדיק אין דער וועלט געשיקט
מיטן ווייסן איינגעקאַרבטן צייכן
איבער זיין ליפּ;
פון דעם מאַלאַך פון פאַרגעסן,
פאַר דער וועלט פון באהעפטונג.

[אַכט און דרייסיק]

א בריוו.

א. גאנטשאראָוון

איינער אזוינער —
א געלער קנעפל פון פּאָרנט אפן היטל,
ברענגט מיר א בריוול —
אויפגעשריבן:
Kalman Heisler

— — — — — — — — —

Brooklyn, New York America
איך רייס עס אויף,
גראָב איין מיינע אויגן —
אף גראָען פּאפּיר בלאָע טינט־צייכנס.
איך לייען:
מיין קינד, מיין ליב קינד,
טויזנט מאָל קינד,
קינד, קינד, קינד. —
פארגעס נישט דיין טאַטן,
דיין מאַמען — — —
— — — — — — — — — — — — —
וואָס האָט דיך געבאָרן, דיך אויפגעצויגן...
טאַטע, מאַמע, היים.
— — — — — — — — — — — — —
איך ווייס נישט, איך געדענק נישט!...

[ניין און דרייסיק]

און אויב, אז געבאָרן — האָט מיך דאָך די אונטערערדנבאַן,
וואָס שלעפּט מיך אינדערפרי, באַטאָג, פאַרנאַכט — שאָענווייז לאַנג
צו דער אַרבעט, און פון דער אַרבעט.
אַלע וואָס קומען זיך דאָ צוזאַמען,
פון ווייטע שטאָקן, אין דער הויך, און פון קעלערטיפעניש.
און אַז מזעצט זיך אויס, וויגט מען זיך, ווי קינדער אין די וויגן,
שוועבט אַרום די גוטסקייט אַליין,
לאָזט מען מיך אַ מידן אַף די פיס נישט שטיין,
רוקט מען זיך צענויף —
ווערט אַן אָרט פריי פאַר מיר.
ווערן אַלע, ווי אַ מאַמע, גוט צו מיר.

און אַז אויפגעצויגן, בין איך דאָך אָט־דאָ אין פאַבריק,
וואו איך פאַרברענג אַלע מיינע אַליין באַשאַפענע טעג,
באַם פאַרטיק מאַכן גאַנצע, גרויסע, שיינע קליידער.
מיין באַלעבאָס — „דער באָס" — אַ טאַטע,
שאַפט זיך מיט מיר אַ גאַנצן יאָר איין, יאָר אויס,
מיט אָנגעשטרענגטע היטער־אויגן,
און איך בין אים אַזוי אונטערטעניק, ווי אַ טאַטן אַן אייגענעם . . .

יאָ, נאָענט איז מיר דער גלאַנץ פון אויסגעשטרעקטע שינעס,
וואָס באַגעגנען מיך דאָ, אין נויאָרק, אַף אַלע מיינע וועגן —
און פירן מיך אומעטום . . .
דער געטומל, דער געלאָף, דאָס פאַלן איינער איבערן אַנדערן,
דאָס ווילדע נאָכקוקן מיר פון אַלע שויבן־לעבער,
פון אַלע דיינע הויכע הימל־אונטערשפּאַרנדע, אָפּגעבראָכענע שטיינבערג.

פון דיין באַנאַכטיק ליכטיקן בראָדוויי:
איז מיר נישט פרעמד
דאָס שטויסן אין די זייטנביינער —
און איך אַ העלד,
דער העלד פון שטאָלענעם יאָרהונדערט,

[פּערציק]

בין פון איין זייט גאַס אַף דער צווייטער אריבערגעלאָפן,
און בלויז אַ נאָגל פון אַ פוס־פינגער מיינער —
איז געגלעט געוואָרן אונטער אַ ווייך־גומיידיקער ראָד...

שרייען, רעדן אלדאַסגוטס פון אונטער שויבן אַרויס,
שטייט אַ מאַנטל, אַ קראַגן, אַ שטעקן,
דערמאָנען:
נעמט מיך פאַר 6—8—10—25—76—35½—100—1000—
10000 — נעמט מיך!

פאַרבן,
פאַרבן,
נעמען,
נעמען,
וועלטן בייטנדיקע...
פון קנאַקנדיקן זייד שלאָגט אָן אַ קאָל צו מיר!
זון מיינער! זון מיינער!
אַ מאַמע רופט, אַזאַ גוטע...
מ־אַ־מ־ע־ס — מאַמעס, באַנאַכטיק בראָדוויאישע!

מאַמעס, מאַמעס אין אַ פאַרבענקטן פרימאָרגן
אַף דער בויערי גאַס.
אַ באַן־האַמערן איבער מיין קאָפּ,
און שוין פאַרשטעלט דעם וועג מיר אָן איילנדיקער,
ער וואַרפט פון אַרבל אַרויס פולע הענט בלאַסקענדיקע דימענטן,
פאַר מיר, ביליק, פאַר מיר — גאָר ביליק!

ווינקען פון שאַפעס איינגעשלאָסענע בריליאַנטן,
זיי באַהעפטן זיך אין מיינע שוואַרצאַפּלען
אַזש ביז אויגן בלענדעניש.
אַוואַדע אויך פאַר מיר?!..

אַ וואַקלענדיקער, באַ אַ טויער אָנגעשפּאַרט,
שטעבעטשעט מיט אַ קימפּעטדיקער צונג:

[איין און פערציק]

דזשיזוס, מאריא, גאָט, פּראָהיבישאַן —
הייסן נישט ט־ר־יי־נ־ק־ע־ן.

אַ גאָסן יונג, וואָס האָט דעם טויער אויפגעפּראַלט,
טאָרעט, שאָקלט מיט'ן הייליקן פּרעדיגער:
ברודערל —
אַזאַ גוטע מאַשקע, וואו האָסטו גענומען?

סאַלווייישאַן לייט אויף אַ ראָג,
זייערע הענט פּאַטשן, פּליעסקען,
פון פּויקן, פון טראָמייטערס שאַלט:
האַלעלויאַ, האַלעלויאַ.
און איינציק מויל זינגט:
האַלעלויאַ, האַלעלויאַ.
אַלע צוזאַמען, מיט אויפגעפּנטע מיילער,
ארויפגעשטרעקט אין דער הויך —
האַלעלויאַ, האַלעלויאַ, האַלעלויאַ.
שנאָרן, בעטלען זיי אפן קאָל
פאַר גאָטס זון,
פאַר הונגעריקע, נאַקעטע, נויטבאַדערפטיקע.

אויסגעבעטעלטע גראָשנס באַ שיקערע אָפּגעשליסענע בעטלער.
בעטלען סאַלווייישאַן לייט פאַר מיר, באַ מיר, פאַר מיר...

אין קוני איילאַנדס בראַנדיקן זאַמד
בין איך אין דער היים צווישן פּאַרביקער בוואַליע מענטשן־קעפּ,
הייבן זיך, ציען זיך,
גייען ווייטער,
נענטער,
העכער,
נידעריקער —
ווי דער שלאַנגענפּיסק פון אָט אַנגעקומענער יאַם בוואַליע.

[צוויי און פערציק]

זאמד קריצט אונטער די ציין,
ווייבער,
בריסטן וואָס הענגען אראָפּ,
ווי א געשוואָלענער אייטער פון א קראנקער קו.

אָט קליינווארג, וואָס מאַמעס האָבן מיטגעבראַכט,
שפּילן זיך,
גראָבן אוים לעכער אין הייסן זאמד, —
קוואָרימלאך.
גלעט א מוטער הייסן זאמד ארום שיין, פּירעקיק,
ווי א קייווערל.

גרינגראָז האָט נאָך נישט ארויסגעשפּראָצט,
א ברעטל, א „מאַצייוועלע“ איז שוין דאָ צוקאָפּנס גשטעלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

גוטע מאַמעס מאַכן קוואָרימלאך פאַר זייערע קליינע קינדערלאך!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ליב האָב איך דעם נעפּל, וואָס פאַלט אף מיר פונם רייאַך,
פון טישלאך אָנגעפּילט מיט בראָכווארג,
ציבעלעס, מאַראַנצן,
נעזשאַווערטע טשוועקעס,
ברויט און פייגן,
גלאַנצענדיקע מעש,
שוואַרצע שטיקער אייזן.
דאָס שעלטן, שלעפּן פאַר די עלנבויגנס,
די געוואַלדן פון די גווידערדיקע, פרייליכע פאַרקויפערקעס
אף דער אידישער מעציע גאַס Orchard Street.

אויך טייער איז מיר „איסט־בראָדוויי“,
וואו אידישע שרייבער זאַמלען זיך איין.
קינדער וואָס האָבן פאַרבענקט זיך, ווי די אַלטע נאָך גרויס ווערן:
שפּייען ציגאַרנרויך פון אונטער געלע פאָרהאַנגלאך אַפיר
אין דער הויך שלענגלענדיק צום באַלקן,
און וואָס ווערט אין לופטן צערינען —
עפשר ווי די אייגענע כאַלוימעס מיינע,
טייערע כאַלוימעס מיינע!..

אַט שוין ווידער —
ער,
א געלער קנעפּל פון פאָרנט אפן היטל —
קלינגט
ברענגט מיר א בריוו.
ווידער —
מיין קינד — מיין קינד,
קינד, קינד, קינד,
טויזנט מאָל קינד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך ווייס נישט, איך געדיינק נישט...

פרעד

פרעד איז אַלט שוין פופציק יאָר,
זיין טאַטע דזשאַן איז אָפּגעשטאָרבן,
ווען ער איז אַלט געווען כוידאָשים אַ פּאָר.
די מאַמע פלעגט דערציילן:
באַלוימעס, וואָס דער טאַטע פלעגט זיך וועבן
דאָס טייערסטע אין זיין לעבן איז געווען —
פרעד, זיין זון.
אַלץ וואָס יענער האָט געגאַרט דערלעבן און זען:
פרעד, זיין זון, זאָל אויפשטיין גלייך מיט דעם מאָרגנשטערן,
מיט רידל און קאָסע אַף אַקסל, גיין — אין פעלד אריין.

אַז פרעד איז היינט דאָך אַלט אַזעלכע פופציק יאָר,
אַפן קאָפּ צעוואָרפן איז וואו ניט וואו אַ גראָע האָר,
קויאַך איז פאַראַן גענוג — ער דינט אַזוי טריי די יאָרן,
די יאָרן: —
וואָס זענען אַליין איבער זיך ווי רעדער אַף וועגן אריבערגעפאָרן.

פרעד געדענקט צו דערציילן:
ער איז נאָך אַ דראָבנינקע קינד געווען,
מאַמע האָט איינגעפּאַקט דאָס פעקל מיטן זעקל,
גערופן — קינד!
פרעד איז אויך אַמאָל אַ קינד געווען...
איז ער געוואוינט געוואָרן, ווי אַלע קינדער,
האַנט בא האַנט מיט מאַמען צו גיין.

[פינף און פערציק]

דער טאָג איז געווען א קלאָרער, באַטויט,
פון פעלדער האָט געשמעקט האלב טרוקענע, געשניטענע גראָז
אַז היינט נאָך איז בא פרעדן געבליבן פאַרבאָרגן
דער רייאַך פון יענעם ווינטל בלאָז,
צווישן די שיידוועגט אין זיין נאָז...

דערציילט ער — קומען שפיגעלאַך אריבער זיינע אויגן
ווען ר'האָט דאָס לעצטע מאָל זיין בליק
צו די ראָקי בערג אריבערגעבויגן.

אין שטאָט זענען טעג שטויביקע געווען,
געגאַנגען זענען זיי פּאַמעלאַך און געלאָפן שנעל —
ווי דער עקספּרעס־באַן אינ'ם האָדסן טיוב טונעל.

געוואקסן גרעסער — געגאַנגען אין שול.
געלערנט דאָס געבאָט פון אלטע פּילגרים־פאָטערס,
וואָס זענען, צוליב דינען גאָט, אהער פאַרטריבן געוואָרן —
האָבן זיי אליין, אנטקעגן אנדערע, רויטהויטיקע,
געמוזט ווענדן זייער צאָרן.
אַז וואָס איז הייליק אין אמעריקא —
איז שיין אויך פאַר דער וועלט.
נישט פויל זיין,
זאַמלט מען אַלץ וואָס איז ווערט ווי געלט:
— ווי אונזער אלטער האָכגעערטער, מאָגנקראַנקער
דזשין ראָקע —
און זיינעם גלייכן...

[זעקס און פערציק]

היינט אַז פרעד האָט זיך שוין צום פופציקסטן מאָל געיאָרט,
קראַצט ער אַלטע דילן, פאַרבט זיי און פּאָליטורט.
ליגט ער אַף זיינע קניעס איינגעבויגן —
און אַז ס'זאָל דער שטויב אין האַלדז נישט פרעסן —
אַ פּאַטשיילע איבערן מויל און נאָז אַריבער געצויגן.
גיט ער אַלץ אָנצוהערן, איך זאָל עס פאַרשטיין,
אַז נישט צוליב דעם דאָלאַר,
און נישט צוליב דער אַרבעט, וואָס איז נישט ריין,
ווייל ער דאַרף ער זאָל אַלץ אַרויסקומען גלאַנציק, שיין.
פרעד אַליין פאַרשטייט עס נישט,
נאָר ער קאָן דאָס מיט גאָרנישט פאַרבייטן,
וואָס אין אים איז איינגעוואָרצלט,
פון יענע אַלטע, קינדערשע צייטן.
דאָס געבאָט פון די אַלטע פּילגרים פאָטערס:
מ'דאַרף אַרבעטן, האָרעווען אַף דער וועלט,
ווערט מען רייך אין אַמעריקע, זאַמלט מען אָן געלט:
ווי אונזער גרויסער האַר „דזשאָן ראָקע"
און זיינעסגלייכן.

פרעד איז געוואוינט געוואָרן צו אַרבעטן,
ווייס ער, אַז מאַכן דאַרף מען שנעל און גוט,
איז וואָס אַז ער איז ניט געווען דער גליקלאַכער
געבוירן צו ווערן אין יענער מאַזלדיקער מינוט —
צו זיין אַ „סעלף מעיד מען"
איז פרעד אָבער שטאָלץ וואָס ער קאָן
זיך באַרימען מיט מיסטער פאָרד און דזשין ראָקע
ווי זיינער אַ גלייכן טאָקע...

[זיבן און פערציק]

צו דערמאָנען אין

בעריש יאָקל און מירל לייע.